# אַ גוט מיטל צו פֿאַרלירן פֿרײַנד...

(רעקאָמענדירט, דער עיקר, פֿאַר יונגע מענטשן)　　　　פֿון ליבל באָטווינִיק

-- זײַט איר פּאָפּולער ?

-- האָט איר צופֿיל פֿרײַנד, באַקאַנטע ?

-- מען טעלעפֿאָנירט אײַך יעדע שעה ?

-- איר באַקומט כּסדר בריוו און פֿאַרבעטונגען צו קומען אויף אַלערליי „פּאַרטיס" (שׂמחות), אויספֿלוגן, טענץ אין דיסקאָטעקן, אאַז"וו ?

-- עס קלינגט בײַ אײַך תּמיד אין טיר ?

-- עס קומען צו אײַך שטענדיק חברים און נאָענטע ?

-- זאָרגט זיך ניט. מיר האָבן פֿאַר אײַך אַ גוט אויסגעפּרוּווט מיטל קעגן דעם. איר דאַרפֿט נאָר אויספֿאָלגן די פֿאָלגנדיקע אינסטרוקציעס און איר וועט ווערן געהאָלפֿן.

1) די ערשטע זאַך וואָס איר דאַרפֿט טאָן, איז אָנהייבן ריידן יִידיש מיט אַלע אײַערע יונגע חברים און באַקאַנטע וואָס קענען יִידיש. די מערסטע וועלן זיך גלײַך מאַכן פֿאַר ניט פֿאַרשטייענדיק. זיי וועלן אָנהייבן אַרויסווײַזן צו אײַך אַ מין אָפּגעפֿרעמדטקייט, און מעגט איר אַפֿילו זײַן אַ הוי-געבוירענער פֿון צווייטן אָדער פֿון דריטן דור --- וועלן זיי אײַך האַלטן פֿאַר אַ גרינעם. אַ טייל פֿון זיי וועלן ריידן מיט אײַך יִידיש נאָר דעמאָלט ווען זיי וועלן זײַן זיכער אַז קיינער הערט עס ניט...

2) ווען איר טרעפֿט אין גאַס, אין אויטאָבוס, אָדער אויף אַ יִידישער אונטערנעמונג באַקאַנטע --- יונגנטלעכע, --- זאָלט איר זיי פֿרעגן הויך פֿאַר אַלעמען אין די אויגן אין יִידיש (אָט אַזוי ווי אַנדערע יונגע מענטשן פֿון אַנדערע פֿעלקער טוען עס אויף זייערע שפּראַכן) : „רחל, וואָס מאַכסטו?" אָדער „חיים, ווי גייט עס דיר?", וועלן בײַ זיי די פּנימער רויט ווערן, וואָס מע רעדט צו זיי יִידיש, און זיי וועלן מער ניט ריידן צו אײַך, אַפֿילו ניט דורכן טעלעפֿאָן...

איז ווי איר זעט, --- האָט איר שוין אַ היפּש ביסל אויפֿגעטאָן, כּמעט אַ העלפֿט אַרבעט אָפּגעפּטרט... די מערהייט פֿון אײַערע באַקאַנטע וועלן זיך אָפּטשעפּען פֿון אײַך. און איצט, אַז איר זײַט שוין אויפֿן גוטן וועג צו פֿאַרלירן פֿרײַנד, מעגט איר מאַכן דעם ווײַטערדיקן שריט:

3) נעמט זיך צו פֿאַרטיידיקן יִידיש. (עס פֿעלן חלילה ניט אַזעלכע געלעגנהייטן אין אונדזער יִידישער קהילה...). דאָס איז אַ זיכערער מיטל. מיט עטלעכע ווערטער, --- צי בײַם נעמען אַ וואָרט אין יִידיש אויף אַ יִידישער פֿאַרזאַמלונג, אָדער דורכן שרײַבן אַ בריוו אין צײַטונג און אַרויסטרעטן לטובֿת יִידיש --- קענט איר זיכער זײַן, אַז אַלע אײַערע יונגע פֿרײַנד וועלן פֿון אײַך אַנטלויפֿן.

די וואונדערלעכע זאַך פון דעם איז, וואָס סע רעדט פאַר זיך אַליין, און איר דאַרפט ווייניק טאָן דערבײַ :

אַלע געוועזענע פרײַנד און גוטע שכנים וועלן שוין זאָרגן אַז וואָס מער מענטשן זאָלן זיך דערווײַטערן פון אײַך, און אַז קיין נײַע מענטשן זאָלן זיך מיט אײַך ניט חברן... (ס'איז דאָך פאַרשטענדלעך : וועלכער קלוגער און אינ־טעליגענטער יוגנטלעכער, למשל, וועט וועלן האָבן צו טאָן מיט עפעס אַ שלימזל, אַ יִדיש פאַרטיידיקער ?... קען דען זײַן אַן ערגערער פלעק פאַר דער „נײַבער־הוד" [געגנט] ?...)

נאָר טאָמער איז עס פאָרט ניט גענוג --- מיר האָבן אײַך דאָך צוגעזאָגט אַז אַלע, אַלע, אַלע וועלן זיך אָפּטשעפּען פון אײַך, --- איז טוט ווי מיר האָבן געטאָן :

לאָזט אַרויס אַן אייגענעם זשורנאַל אין יִדיש, וואָס פאַרטיידיקט אונדזער לשון, און וואס פראָקלאַמירט אָפן אַז יִדיש איז אַ לעבעדיקע גערעדטע שפּראַך פאַר יִדן, --- יונג און אַלט.

נאָכן הערן אַזאַ שרעקלעכע זאַך, וועלן ניט נאָר יונגע, נאָר אויך טייל דער־וואַקסענע יִדיש־ריידנדיקע זיך אָפּטרייסלען פון אײַך, ווײַל איר קענט נאָך, גאָט באַהיט, אָנשטעקן מיט יִדיש זייערע קינדער און אייניקלעך ...

--- מיר גאַראַנטירן אײַך אַז קיין נאָענטע שכנים, פרײַנד, און באַקאַנטע, וועט איר מער ניט האָבן ...

אָבער מאַכט עס גיך ! אײַלט זיך צו ! ווײַל דאָס דאָזיקע גוטע מיטל וועט באַלד אויספאַרקויפט ווערן... און נאָך ערגער --- דאָס מיטל איז גוט באַנוצט צו ווערן בלויז אויף אַ באַגרענעצטער צײַט, און ניט מער. אין גיכן וועט אָט דאָס מיטל אונדזערס האָבן פונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג :

עס וועט צוציען נײַע פרײַנד צו אײַך און נײַע באַקאַנטע. לאַנג וועט ניט געדויערן, און וואָס מער מענטשן וועלן אָנהייבן צו האָבן דרך־ארץ פאַר יענע וואָס ריידן יִדיש, וואָס שטיצן יִדיש לעבעדיק לשון, און פאַרשפּרייטן און פאַר־טיידיקן יִדיש. און דאָס איז טאַקע דער הויפּט־ציל פון אונדזער זשורנאַל „דער נײַער דור".

און דעמאָלט, ליבע פרײַנד, זאָלט איר צו אונדז גאָרניט האָבן אויב אונדזער גאַראַנטיע, ד.ה. „אַ מיטל צו פאַרלירן פרײַנד" וועט גאָרניט ווערט זײַן ...

---

אכטונג מיטל שול תלמידים

מיר ווענדן זיך צו אַזעלכע קינדער וועלכע גייען איצט אין די קלאַסן 7,8,9, 10, און 11, און פאַרשטייען און האָבן ליב יִדיש, --- כדי צו גרינדן צוזאַמען אַ יִדיש־ריידנדיקן קולטור־קלוב מיט שיינע פּראָגראַמען .

ענטפערט אונדז וואָס גיכער און טעלעפאָנירט : סענדער, 488-4469